# מגדים של זהב

על דרך הפלפול והחידוד

שנת תשפ"ד - גליון קלח

**פרשת כי תשא**

בענין

**מחלוקת הפוסקים אם דבר חי פולט**

**רֵאשִׁית בִּכּוּרֵי אַדְמָתְךָ תָּבִיא בֵּית ה' אֱלֹהֶיךָ לֹא תְבַשֵּׁל גְּדִי בַּחֲלֵב אִמּוֹ:** (שמות פרק לד, כו)

## דברי החינוך

אין דער פסוק דא אין די פרשה שטייט די לאו פון אכילת והנאת בשר בחלב, אזוי ווי די חינוך שרייבט דא אין מצוה קיג: **שלא לאכול בשר בחלב שנתבשלו ביחד, שנאמר לא תבשל גדי בחלב אמו, וזה הכתוב בא לאסור האכילה וההנאה בבשר בחלב** - פירוש: עס איז דא א לאו אין די תורה אז מען מעג נישט עסן קיין בשר בחלב וואס איז געווארן געקאכט צוזאמען, אזוי אויך מעג מען נישט הנאה האבן פון די בשר בחלב

## סיפור מופלא המובא בשו"ת חתם סופר

דער הייליגער **חתם סופר** (שו"ת יורה דעה, סימן צד) ברענגט אין זיינע תשובות א אינטערעסנטע שאלה וואס האט זיך געמאכט בימיו, און די גדולי האחרונים זענען זיך מפלפל אין זיינע הייליגע ווערטער.

וזה לשונו: **עובדא ידענא בפראנקפורט דמיין, פרח תרנגולת לתוך קלחת חמאה רותחת על האש - ומתה בתוכו, והורה גאון אחד ומהולל מאוד, שאסור החמאה אפילו לגוים, ושפכוהו בחוצות, ולבסוף הזכירוהו דבשר עוף בחלב מותר בהנאה, ובתוך כדי דבור השיב הגאון זצ"ל, דאין הכי נמי בהנאה מותרת, ולמוכרה לגוי אסורה משום בליעת אבר מן החי דאסור לבן נח** - פירוש: די חתם סופר ברענגט אראפ א מעשה וואס האט פאסירט אין פראנקפורט דמיין, אז א לעבעדיגע תרנגולת איז אריינגעפליגן אין א טאפ פון הייסע פיטער וואס איז געווען אויף די פייער, און די תרנגולת איז געשטארבען דארט אין די הייסע פיטער, און עפעס א **'גאון אחד ומהולל מאוד'** האט גע'אסר'ט צו עסן די פיטער, ולא עוד, ער האט אפילו גע'אסר'ט צו געבן דער פיטער פאר גוים, און ער האט עס געהייסן אויסגיסן די הייסע פיטער אויפ'ן גאס, כדי מען זאל נישט הנאה האבן פון דעם. און דער גאון האט אזוי גע'פסק'נט ווייל די דין איז אז בשר בחלב וואס איז געקאכט צוזאמען איז אסור אפילו בהנאה.

נאך וואס דער גאון האט אזוי גע'פסק'נט האבן אים אפאר תלמידי חכמים מעורר געווען, אז דער הלכה איז דאך אז בשר 'עוף' בחלב איז יא מותר בהנאה - דהיינו, די גאנצע איסור מן התורה ביי בשר בחלב איז נאר ביי בשר 'בהמה', מה שאין כן בשר 'עוף' בחלב איז נאר אסור מדרבנן, און אזוי אויך איז די איסור הנאה פון בשר בחלב נאר ביי בשר 'בהמה' בחלב, מ השאין כן ווען איינער קאכט בשר 'עוף' בחלב איז די בשר בחלב יא מותר בהנאה. און דא איז דאך די מעשה געווען אז א 'תרנגולת' - וואס איז א עוף, האט זיך געקאכט מיט חלב, און די דין איז דאך אז עס איז מותר בהנאה, איז לכאורה די פסק פון דער גאון אחד נישט געווען ריכטיג, און מען האט עס יא געמעגט געבן פאר גוים צו עסן.

און בשעת מען האט געזאגט דער טענה פאר דעם גאון אחד, האט דער גאון תוך כדי דיבור מצדיק געווען זיין פסק, און געזאגט, אז אין הכי נמי מטעם בשר בחלב איז די פיטער מותר בהנאה, ווייל עס איז נאר בשר עוף בחלב, אבער אפילו אזוי מעג מען עס נאך אלץ נישט געבן פאר קיין גוים, ווייל דא קומט צו א נייע איסור, און דעס דא די איסור פון 'אבר מן החי', וואס דעס איז דאך איינער פון די שבע מצות בני נח - און אפילו א גוי דארף עס אפהיטן, און לויט דעם וועט אפילו א גוי נישט מעגן עסן דער חמאה. און דער טעם איז, וויבאלד ווען די

תרנגולת איז אריין געפלויגען אין די חמאה רותחת האט עס נאך געלעבט, און עס איז אריין בליעות פון די תרנגולת החי אין די חמאה, און אויב אזוי האט דאך דער חמאה באקומען בליעות פון אבר מן החי, וואס אפילו פאר א גוי איז אסור. עד כאן המעשה וואס איז געווען און פראנקפורט דמין.

זאגט ווייטער די הייליגער חתם סופר: **והיה נראה לעין דתחלת ההוראה לא היה מטעם אבר מן החי, וכשגגה יצאה מלפני שליט, אך לא יאונה לצדיק כל און הזמין לו השי"ת תירוץ לשזביה מכיסופא** - פירוש: די חתם סופר זאגט, אז בעצם איז דער טעם וואס דער גאון אחד האט געגעבן פאר זיין הוראה, אז די חמאה איז אסור אפילו פאר א גוי מטעם אבר מן החי, האט אים די אייבישטער צו געשיקט כדי צו מציל זיין פון א בזיון, ווייל בעצם האט ער גע'פסק'נט זיין דין אז די חמאה איז אסור בהנאה, מכח די איסור פון בשר בחלב, אבער כדי לשזביה מכיסופא, האט די אייבישטער אריין געשיקט אין זיין מויל א פאסיגע הסבר צו זיין פסק וואס ער האט גע'פסק'נט, און אזוי איז ער ניצול געווארן פון די בושה וואס ער וואלט באקומען אויף דער פסק.

קומט די חתם סופר און לייגט צו א 'חידוש הלכה' וואס מען לערנט ארויס פון דער גאון אחד: **מכל מקום נלמד דגם בחי שייך פליטה** - פירוש: פון די ווערטער פון די גאון אחד, זעהט מען נאך א גרויסע חידוש, אז מען זאגט אז 'א חי איז פולט', דהיינו ביז היינט ווען מען האט געלערנט דער דין אז א 'איסור פאלט אריין אין א היתר', האט מען גערעדט אז א שטיקל טויטע נבילה פלייש פאלט אריין אין פלייש של היתר, און דעמאלטס איז שייך אלע הלכות וואס איז נוגע ביי איסור והיתר, אז די נבילה פלייש איז פולט פון זיך טעם צו די פלייש של היתר און עס אסר'ט די פלייש של היתר אויב עס איז נישט דא קיין ביטול בששים. און פון די ווערטער פון די גאון אחד זעהט מען, אז די זעלבע זאך וועט מען זאגן ווען א דבר של איסור וואס 'לעבט' פאלט אריין אין היתר, וועט די דבר חי פולט זיין בתוך היתר - אזוי ווי די גאון אחד האט געזאגט, אז די חמאה איז אסור פאר א גוי, מכח די איסור פון אבר מן החי.

און די חתם סופר איז ממשיך און ברענגט א הפלא'דיגע ראיה פון א תלמיד זיינער, אז די דין איז אז אפילו א 'חי' קען פולט זיין', וזה לשונו: **ותלמידי הרבני המופלג מהו' ברוך נ"י הביא ראיה ברורה מדברי המן הרשע שברא"ש בסוגיא דעכברא בשיכרא ע"ש.**

פירוש: אין גמרא אין **מסכת עבודה זרה** (סח, ב) שטייט: **ההוא עכברא דנפל לחביתא דשיכרא** - עס איז געווען א מעשה אז א 'עכבר' איז אריין געפאלן אין א פאס פון שיכר, **אסריה רב לההוא שיכרא** - און רב האט גע'אסר'ט דער שכר. קומט דארט די **רא"ש** און פרעגט, וזה לשונו: **תימה, דהא שיכרא צונן הוא, למה נאסרו בנפילת עכבר** - פירוש: די רא"ש פרעגט אויף די הוראה פון רב, פארוואס האט ער גע'אסר'ט די שיכר, די הלכה איז דאך אז א 'צונן', דהיינו א זאך וואס איז קאלט האט נישט קיין כח צו 'פולט' זיין, און דא איז די שיכר געווען קאלט - אזוי ווי די סדר פון שיכר איז - איז ווי אזוי איז אריבער טעם פון די עכבר, אריין אין די שכר? און די רא"ש לייגט צו: **וכי אם נפל זבוב ביין צונן אסור!? והלא העיד הרשע שכך נהגו וזרקו ושותה** - פירוש: די רא"ש ברענגט א ראיה פון 'המן הרשע' אז א דבר צונן קען נישט פולט זיין. אזוי ווי עס שטייט אין גמרא אין **מסכת מגילה** (יג, ב) אז המן הרשע האט געזאגט פאר אחשורוש: **וְלַמֶּלֶךְ אֵין שֹׁוֶה לְהַנִּיחָם** (אסתר ג, ח), **דאכלו ושתו ומבזו ליה למלכות** - המן האט געזאגט פאר אחשורוש אז די אידן עסן און טרינקן און זיי פארשעמען זיין מלכות, **ואפילו נופל זבוב בכוסו של אחד מהן - זורקו ושותהו, ואם אדוני המלך נוגע בכוסו של אחד מהן - חובטו בקרקע ואינו שותהו** - פירוש: די אידן, ווען עס גייט אריין פאלן א 'זבוב' אין זייער כוס של יין, גייען זיי ארויס נעמען דעם זבוב, און ווייטער ממשיך זיין צו טרינקן פון די כוס של יין, מה שאין כן, אויב די אחשורוש גייסט אנרירן זייער כוס של יין, גייען זיי עס אראפ ווארפן אויף די ערד און זיי גייען עס נישט טרינקען.

זאגט די רא"ש זעהט מען פון 'המן הרשע', אז א דבר צונן איז נישט פולט, און וועגן דעם אפילו א זבוב פאלט אריין בכוס של יין, נעמען עס די אידן פשוט ארויס, און מען איז ממשיך צו טרינקן פון די כוס, ווייל די כוס באקומט נישט קיין בליעות פון די זבוב.

וועגן דעם ענטפערט די רא"ש: **ויש לומר ששהה בו זמן מרובה והוה ליה כמין כבוש ונפלט טעמו בשכר** - פירוש: די רא"ש איז מסביר - מכח דער קשיא - אז מען דארף רעדן אז די עכבר איז געווען אין די שכר א משך פון פוהר און צוואנציג שעה, וואס דעמאלטס געשעהט די פעולה פון 'כבוש', דהיינו די עכבר ווערט געווייקט אין די שכר, און עס איז פולט אפילו ביי א דבר צונן. עד כאן סוגית הגמרא בעבודה זרה.

זאגט דער תלמוד פון די חתם סופר, אז פון דער רא"ש איז משמע אז א חי קען פולט זיין, ווייל אויב וואלט דער דין געווען אז א חי איז נישט פולט, וואס ברענגט די רא"ש א ראיה אז א דבר צונן איז נישט פולט פון דעם וואס המן הרשע האט געזאגט 'אפילו נופל זבוב בכוסו של אחד מהן', ביי די מעשה מיט די זבוב רעדט מען דאך אז א לעבעדיגע זבוב איז אריין געפלויגן אין די כוס של יין, אזוי ווי די לשון איז 'נופל זבוב בכוסו', און אפשר איז בעצם א דבר צונן יא פולט, און די טעם פארוואס כלל ישראל איז ווייטער ממשיך צו טרינקען פון די כוס של יין, איז וויבאלד מען זאגט אז א 'דבר חי אינו פולט'!? אלא על כרחך איז מוכח פון די רא"ש אז בעצם איז א דבר חי יא פולט, און די גאנצע סיבה פארוואס די זבוב אסר'ט נישט די כוס של יין, איז וויבאלד מען זאגט אז א דבר צונן איז נישט פולט! הפלא ופלא!

## מיהו אותו גאון אחד?

פאר מען גייט ברענגען די שיטת און ראיות פון די גדולי אחרונים וואס זענען דן צו א חי איז פולט צו נישט, איז כדי צו ברענגען פון א תלמיד פון די חתם סופר וואס האט אינז מגלה געווען ווער דער 'גאון אחד ומהולל מאוד' וואס האט גע'פסק'נט אז א חי איז פולט, און גע'אסר'ט די חמאה אפילו פאר גוים. און דעס הגאון הגדול המפורסם **רבי אלעזר הלוי איש הורוויץ זצ"ל אב"ד וויען**, און ווי ער שרייבט אין זיין ספר **שו"ת יד אליעזר** (סימן קכה), וזה לשונו אין א בריוו וואס ער שרייבט צו איינער וואס האט געפרעגט אויף דער פסק פון די חתם סופר בשם דער גאון אחד, אז א חי איז פולט: **וטרם אענה על תמיהתכם, צריך אני להודיע לכם כי הגאון המורה הזה היה אדוני אבי זקני הגאון רבן שכל בני הגולה הפלאה זצ"ל** [רבי אלעזר היה בנו של דוד יהושע העשל, בנו של רבי צבי הירש, בנו של ההפלאה], **והיתה השאלה הראשונה שהובא לפניו בבואו לק"ק פרנקפורט דמיין - והוראתו בקדושה היתה!**

## דברי הפרי מגדים על מעשה זו

די **פרי מגדים** אין **הלכות תערובות** ברענגט אראפ דער מעשה פון די הפלאה און ער דינגט זיך מיט דער פסק, וזה לשונו (סימן צח, שפתי דעת, ס"ק א): **שמעתי אומרים שהיה שאלה באיזה קהלה שהתיכו יורה גדולה של חמאה ופרח לתוכה עוף ומת שם, והיה מבוכה בין הלומדים באשר לא היה ששים נגד העוף. ואני לא אאמין אם היה זה שאלה - כי לדעתי פשוט יותר מביעתא בכותחא שהחמאה אסור באכילה ומותר בהנאה כדין בשר בחלב עוף המוזכר בסי' פ"ז** [ס"ג], **ואפילו בשר בהמה כהאי גוונא יראה בהפסד מרובה כי הא לצדד בהנאה דחמאה הוה דרך טיגון ומדרבנן הוא, עיין בסלת למנחה כלל פ"ה** [דין ג'] **בנרות חלב עם החמאה, ובמהר"ם שי"ף ז"ל במס' חולין** [סוף פכ"ה] צידד גם כן יע"ש - פירוש: די פרי מגדים ברענגט אראפ די מעשה פון די הפלאה בשם 'שמעתי אומרים', און ער שרייבט אז ער פארשטייט בכלל נישט די שאלה, און עס איז א דבר פשוט אז די חמאה איז אסור לאכילה, אזוי ווי די דין איז אז אפילו בשר עוף איז אסור בחלב מדרבנן, אבער דעס וואס מען האט גע'פסק'נט אז די חמאה איז אסור בהנאה איז א טעות, ווייל עס איז א דבר פשוט אז די חמאה איז מותר בהנאה, אזוי ווי די דין איז אז בשר עוף בחלב איז נאר אסור באכילה און עס איז מותר בהנאה.

און די פרי מגדים איז מוסיף אז אפילו אויב עס וואלט אריינגעפאלן 'בשר בהמה' אין א 'יורה גדולה של חמאה' קען מען מיקל זיין 'בהפסד מרובה' אז די חמאה איז מותר בהנאה. און די טעם איז, אז די בשר בהמה האט זיך נישט 'מבשל' געווען מיט די חמאה, נאר די בשר בהמה איז געווארען 'מטוגן' מיט די חמאה. דהיינו, ביי די איסור פון בשר בחלב האט די תורה גע'אסר'ט דוקא 'בישול' בשר בחלב, אבער 'טיגון' דהיינו געפרעגעלט איז דא א גרויסע מחלוקת אין די אחרונים צו עס הייסט 'בישול' אדער נישט. אויב הייסט עס בישול, דעמאלטס איז די בשר בהמה אסור בהנאה, ווייל דעמאלטס איז דא א בשר בחלב דאורייתא, דהיינו בשר בהמה וואס איז געווארען מבושל מיט חמאה. אבער אויב זאגט מען אז 'טיגון' הייסט נישט קיין בישול, איז דאך די בשר בהמה נישט געווארען 'מבושל' מיט חלב, און עס איז נאר אסור מדרבנן, און אויב עס איז נאר אסור מדרבנן, איז עס נאר אסור באכילה און נישט בהנאה. און די פרי מגדים פסק'נט אז ווען מען גייט האבן א גרויסע הפסד [הפסד מרובה] קען מען מצרף זיין די שיטות וואס האלטן אז טיגון איז נישט בכלל בישול, און עס איז מותר בהנאה.

פון דער פרי מגדים, שרייבן כמה וכמה אחרונים (עי' בשו"ת אבני צדק יורה דעה סימן לט; ועוד), אז די פרי מגדים האט אנגענומען מיט א פשטות אז א חי איז נישט פולט, ווייל אויב יא, וואלט די פרי מגדים געדארפט צו לייגן אז די חמאה ווערט אויך אסור מטעם אבר מן החי - אין די נפקא מינה גייט זיין, אז עס גייט זיין אסור אפילו פאר א גוי.

## נפקא מינה למעשה אם אמרינן שדבר חי פולט או לאו

### שו"ת אבני צדק

די גדולי האחרונים זענען דן מיט שיינע ראיות צו מען נעמט אן להלכה אזוי ווי דער חתם סופר אז א חי איז פולט אדער נישט. און דעס קען זיין א גרויסע נפקא מינה למעשה, אזוי ווי דער גרויסער גאון וקדוש **רבי יקתיאל יהודה טייטלבוים זצ"ל** דער בעל יטב לב שרייבט צו א שואל אין זיין ספר **שאלות ותשובות אבני צדק** (יורה דעה סימן לט): **והראיה שהביא מעלתו ממה שאין אדם חושש לאסור כאשר לפעמים נוגע יד אדם בתוך רוטב רותח או בלחם חם בעת הלקחו מתנו, והרי הרבה פוסקים דבשר אדם חי אסור מדאורייתא, עיין יורה דעה סימן עט ברמ"א ופרי מגדים, אלא ודאי דבעל חי אינו מפליט - שגורה בפי העולם** - פירוש: דער יטב לב שרייבט צו דער שואל וואס האט אים געשריבן כמה וכמה ראיות אז א חי איז נישט מפליט, און איינער פון די ראיות שרייבט ער, אז מען זעהט נישט אז מען זאל מקפיד זיין אז א מענטש זאל נישט צורירען צו א דבר רותח, אין אויב איז אמת אז א חי איז מפליט, וואלט א מענטש נישט געמעגט ארויס נעמען חלות פון א אויוון גלייך ווען עס ענדיגט באקן, ווייל זייער אסאך פוסקים האלטן אז 'בשר אדם חי' איז אסור מדאורייתא צו עסן, און לכאורה וואלט די פת געדארפט ווערן אסור באכילה ווייל עס איז אריין בליעות פון די 'בשר אדם החי' אין די פת. אלא על כרחך זעהט מען פון

דעם אז עס איז 'שגורה בפי העולם' אז א חי איז נישט פולט. ע"כ. על כל פנים איז מבואר פון דעם, אז לויט די מאן דאומרים וואס האלטן אז א חי איז פולט, וועט מען דארפ'ן זיין געווארנט נישט צו אנרירען א דבר רותח מיט די הענט.

## ראית הפרי יצחק שדבר חי פולט

די גרויסע גאון אין פוסק **רבי יצחק בלאזער זצ"ל** המכונה **רבי איצל'ה פטרבורגער**, אין זיי ספר **שו"ת פרי יצחק** (סימן כא), ברעגנט א שיינער ראיה אז מען זעהט אין די גמרא אז א חי איז יא פולט. וזה לשונו: **אולם לענ"ד נראה להביא ראיה דגם דבר חי מפליט ומבליע, מגמרא חולין דף ח, סכין טריפה פליגי בה רב אחא ורבינא, חד אמר בחמין וחד אמר בצונן כו', ולמ"ד בחמין מאי טעמא משום דקא בלעה איסורא דהיתרא נמי בלעה אבר מן החי אימת בלעה לכי חיימא אימת קא חיימא לכי גמרה שחיטה ההיא שעתה היתרא הוי, ופירוש רש"י דהתירא נמי כי שחיט בה בהמה כשירה נבעי הגעלה דהא בלעה שמנונית דאבר מן החי קודם גמר שחיטה עכ"ל עיי"ש. ועל כל פנים מתבאר מזה דסבירא ליה להגמרא דקודם גמר שחיטה בולע הסכין שמנונית אבר מן חי שמפליט הבהמה על ידי חום בית השחיטה, והגמרא לא דחי רק משום דאימת בלעה לכי חיימא, ואימת קא חיימא לכי גמרא שחיטה, אבל אי סלקא דעתך דחיימא קודם גמר השחיטה באמת היה סכין בולע שמנונית אבר מן החי קודם גמר השחיטה** - פירוש: אין מסכת חולין שטייט אזוי: **סכין טריפה** - א מעסער וואס מען האט גע'שחט'ען מיט דעם א טריפה'נע בהמה, **פליגי בה רב אחא ורבינא, חד אמר: בחמין, וחד אמר: בצונן** - פירוש: רב אחא און רבינא קריגען זיך צו מען דארף מאכן הגעלה אויף די מעסער אדער נישט. און זיי קריגן זיך צו די 'בית השחיטה' ווערט הייס בשעת ווען מען שחט, איינער האט געהאלטן אז די בית השחיטה ווערט הייסט בשעת מען שחט, און בשעת עס ווערט הייס גייט אריין בליעות פון די טריפה'נע בהמה אין די מעסער, און וועגן דעם דארף מען מאכן 'הגעלה בחמין' צו צוריק מכשיר זיין די מעסער, און איינער האלט אז די בית השחיטה איז נישט הייס, און די מעסער איז נישט בולע פון די טריפה'נע בהמה, און וועגן דעם איז גענוג צו מדיח זיין די מעסער 'בצונן' מיט קאלטע וואסער.

קומט די גמרא ווייטער און פרעגט: **ולמאן דאמר בחמין מאי טעמא? משום דקא בלעה איסורא, דהיתירא נמי בלעה אבר מן החי!?** - פירוש: די גמרא פרעגט לויט די מאן דאמר וואס האלט די בית השחיטה ווערט הייס און די מעסער איז בולע פון טריפה'נע בהמה, פארוואס זאגט ער אז מען דארף מאכן הגעלה אויף די מעסער, נאר ווען מען שחט א טריפה'נע בהמה, לכאורה וואס מען געדארפט אייביג מאכן הגעלה אפילו ווען מען שחט א כשר'ע בהמה, און די טעם איז, וויבאלד בשעת ווען מען שחט די בהמה - לעבט נאך די בהמה, און בשעת'ן שחט'ן גייט אריין בליעות פון אבר מן החי אין די מעסער?

ענטפערט די גמרא: **אימת בלעה? לכי חיימא, אימת קא חיימא? לכי גמרה שחיטה, ההיא שעתא היתירא הוה** - פירוש: די גמרא ענטפערט, אז אין הכי נמי ביי א כשר'ע בהמה איז די בהמה טאקע פולט, אבער די בהמה הייבט נאר אן צו פולט זיין ווען די בית השחיטה ווערט הייס, און ווען ווערט די בית השחיטה הייס? ביי די סוף פון די שחיטה, און אויב אזוי קומט אויס אז די בליעות פון א כשר'ע בהמה גייט נאר אריין אין די מעסער ווען די בהמה איז שוין גע'שחט'ן, און וועגן דעם איז שוין נישט דא די פראבלעם פון אבר מן החי. משא"כ ביי א טרפה'נע בהמה איז אפילו מען האלט ביי די סוף השחיטה איז די בהמה נאך אלץ טריפה אין די בליעות של טריפה גייט אריין אין די מעסער.

זאגט רבי איצל'ה פטרבורגר הפלא ופלא, פון דער גמרא איז מבואר להדיא, אז א 'חי איז פולט', ווייל די גמרא פרעגט דאך אז די מעסער זאל אסור מכח אבר מן החי, דהיינו די מעסער גייט בולע זיין פון די בהמה בשעת ער לעבט נאך, און אין הכי נמי די גמרא זאגט אז די מעסער איז נישט אסור מכח אבר מן החי, ווייל די בית השחיטה ווערט נאר הייס נאר בשעת גמר השחיטה, אבער ווען נישט דער תירוץ האט די גמרא געהאלטן בפשטות אז די מעסער וואלט בולע געווען אפילו בתחילת השחיטה אבר מן החי, זעהט מען דאך בפירוש אז א דבר חי איז פולט!

## דברי רבינו עקיבא איגר שמשמע שסבר שחי פולט

פון די ווערטער פון די גאון הדורות **רבינו עקיבא איגר זצ"ל** איז משמע אז ער האט אויך אנגענומען מיט א פשטות אז א דבר חי איז פולט.

די ווערטער פון רבי עקיבא איגר איז אין זיינע הגהות אויף שולחן ערוך יורה דעה סימן ט, ווי די מחבר שרייבט: **אם שחט בסכין מלובנת שחיטתו פסולה, ויש מכשירים** - פירוש: די מחבר ברעגנט אראפ צוויי שיטות וואס גייט זיין דער דין, ווען איינער שחט א בהמה מיט א **'סכין מלובנת'** דהיינו א הייסע מעסער. איין שיטה האלט אז די שחיטה איז פסול, און דער טעם איז ווייל די הייסקייט פון די מעסער פארברענט די 'סימנים' פון די בהמה, און די בהמה ווערט טריפה, און איין שיטה האלט אז די שחיטה איז יא כשר. שרייבט אויף דעם רבי עקיבא איגר אין זיינע הגהות: **ויש מכשירים - לענ"ד בזה צריכים לקלוף בית השחיטה, דקודם גמר השחיטה בלע הסכין מאבר מן החי, ובגמר השחיטה בלעו הסמינים מאבר מן החי** - פירוש: רבי עקיבא איגר איז אינז מחדש, אז אפילו לויט די שיטה וואס האלט אז 'שחט בסכין מלובנת' איז א כשר'ע שחיטה, אפילו אזוי דארף מען

אראפ נעמען פון די מקום השחיטה די שיעור פון 'כדי קליפה', און מען מעג נישט עסן יענע חלק, און די טעם איז, וויבאלד דא רעדט מען דאך אז מען שחט מיט א הייסע מעסער מלכתחילה, און וועגן איז דער מעסער שוין בולע אין זיך גלייך פון אנפאנג פון שחיטה, און ביי די אנפאנג פון די שחיטה איז דאך די מעסער בולע 'אבר מן החי', און שפעטער ווען מען איז ממשיך מיט דער שחיטה, גייט אריין בליעות של אבר מן החי פון די מעסער צוריק אריין צו די מקום השחיטה, און עס ווערט דארט נבלע בליעות פון אבר מן החי, וועגן דעם דארף מען אראפ נעמען כדי קליפה. עד כאן דבריו של רבי עקיבא איגר.

עכ"פ איז מבואר להדיא אז רבי עקיבא איגר האט געהאלטן אז א 'חי איז פולט', און וועגן דעם זאגט מען אז עס גייט אריין בליעות פון די אבר מן החי אין די מעסער.

### דברי הקהלות יעקב לסתור את ראית הפרי יצחק - וגם מיישב בזה הוראתו של ההפלאה

דער **סטייפלער גאון** אין זיין ספר **קהלות יעקב** ברעגנט אראפ דער תשובה פון דער חתם סופר, און דער ראיה פון דער פרי יצחק, און ער איז מבאר מיט א הפלא'דיגע נייער מהלך די הוראה פון דער בעל הפלאה, און אזוי אויך די גמרא אין מסכת חולין, און לויט זיין מהלך, האט די הפלאה קיינמאל נישט געהאלטן אז א 'חי איז פולט', און אזוי אויך איז נישט דא קיין ראיה פון די גמרא אין מסכת חולין אז א חי איז פולט.

וזה לשונו (קהלות יעקב מסכת חולין, סימן ה): **והנראה לכאורה דיש לפשר בזה, דאמנם החי אינו מפליט, דרק דבר שאין בו חיותא מבליע ומפליט, מכל מקום אין צריך שיהא כל הגוף מת, שאם מאבר אחד נסתלק החיותא, אף על פי שעל פי דין, דינו כאבר של זה החי, מכל מקום אי במציאות האבר הזה אין בו שום חיותא הרי הוא כבשר בעלמא שמבליע ומפליט, ולפי זה אין מסוגיא דדף ח' הכרח שאבר חי מבליע ומפליט, דיש לומר דקרוב לגמר שחיטת סימן ראשון כבר אין בו בפועל שום חיותא בהאי סימן, דהא באמת הו"ל כמנח בדיקולא ואין לאותן אברים המחוברים בסימן זה שוב קשר וחיבור להגוף, ואף על פי שדינם כאבר של זה החי להיות ניתר בשחיטתו, מכל מקום מציאות של חיותא אין בהו ולא בהסימן השחוט, ומשום הכי שפיר מבליע** - פירוש: דער קהלות יעקב איז מחדש מיט א געוואלדיגע קלארקייט א נייער מהלך צו מסביר זיין וואס געשעהט ווען א 'דבר חי' פאלט אריין אין א תערובות - אדער א דבר חי איז פולט, ממש פארן פארלירן זיין 'חיות'. און ער איז מסביר, אז דעס איז קלאר אז א זאך וואס לעבט און עס גייט ווייטער לעבן, קען נישט פולט זיין. מה שאין כן, ווען איינער שחט א בהמה, איז ברגע וואס מען שחט ביי די בית השחיטה, פארלירט יענער אבר זיין חיות, און דער אבר ווערט גערעכנט ווי עס איז שוין 'מת', און וועגן דעם קען עס פולט זיין, אזוי ווי די דין איז אייביג אז א דבר מת איז פולט, אבער פון די אנדערע זייט אפילו די מקום השחיטה האט שוין נישט זיין חיות, אפילו אזוי וועט נאך די בליעות וואס גייט ארויסקומען פון דעם זיין אסור מכח אבר מן החי, ווייל במציאות איז דאך די גאנצע בהמה לעבעדיג, נאר די מקום השחיטה האט פארלוירן זיין חיות, און וועגן דעם זאגט די גמרא אז די בית השחיטה וואלט געקענט פסל'ן די מעסער מכח אבר מן החי.

און מיט די זעלבע יסוד איז די קהלות יעקב מסביר די מעשה פון די הפלאה, וזה לשונו: **וכן למעשה בההוא עובדא דהחתם סופר שנפלה תרנגולת לקלחת של חמאה רותחת, שפיר יש לאסור מטעם אבר מן החי דשמא פסק חיותא מאחד האברים בעוד שגופה היה חי, ונבלע מאבר זה שהוא אבר מן החי, ונמצא שלמעשה ודאי נחמיר לחוש גם לפליטת אבר מן בעל חי, אך החשש הוא שמא מאותו אבר שמבליע כבר פסק קשר חיותו עם הגוף החי** - פירוש: דעס וואס די הפלאה האט גע'פסק'נט אז די חמאה איז אסור צו געבן פאר א נכרי מכח די איסור פון אבר מן החי, גייט נישט צו מכח די דין אז מען זאגט אז א 'חי איז פולט', נאר די טעם איז, וויבאלד ווען די תרנגולת איז אריין געפאלן אין די חמאה רותחת, איז די מקום ווי עס איז אריינגעפאלן גלייך פארלוירן זיין חיות, און וועגן דעם האט עס געקענט פולט זיין פון זיך אריין אין די חמאה, אבער די גאנצע תרנגולת איז נאך געווען לעבעדיג, און וועגן דעם איז די בליעות וואס איז ארויס פון די תרנגולת אריין אין די חמאה געווען בליעות פון אבר מן החי, און וועגן דעם האט עס די הפלאה גע'אסרט אפילו פאר עכו"ם, אבער לעולם וועט די הפלאה האלט'ן אז א דבר חי איז נישט פולט.

לפי דער נייער מהלך פון די קהלות יעקב שרייבט ער ווייטער: **אבל כשהאדם נוגע ברותח ויודע ומכיר בעצמו שידו חי כמקדם שפיר יש לומר דין לחוש לפליטתו** - פירוש: לפי דער חידוש, וועט אויסקומען, אז עס איז א דבר פשוט אז ווען א מענטש גייט צורירן א הייסע ברויט וכדומה, וועט די ברויט נישט ווערן אסור מכח אבר מן החי, ווייל לעולם איז די מציאות אז א 'דבר חי איז נישט פולט'. כפתור ופרח!